וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

# קרית ברסלב בליטל

פרשת במדבר, כ"ט אייר תש"פ לפ"ק
שנה א' גליון ל"ג

**זמנים**
(Liberty)
הדלקת הנרות.......................8:01
מוצאי שבת..........................9:32

## א' מעשה פון תפלה

### יענקי יאקאבאוויטש

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן די לעצטע שטיק צייט אז איך זאל צוריק באקומען מיין געשמאק און חשק צו זיצן און לערנען מיינע שיעורים כסדרן חומש, משניות, גמרא, תהלים, און שכח אייבערשטער עס איז מיר צוריק געקומען די געשמאק צו דעם, איך בין זיך מחיה יעדן טאג צו קענען זאגן דעם יום תהלים און לערנען מיינע שיעורים קבועים.

### הערשל שניטצלער

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל האבן געז פאר מיין הויז, איך האב גערופן די קאמפאני עפענען ביי זיי אן אקאונט, עס גייט דורך א וואך זיי קומען נישט אן, איך קאלל זיי - זאגן זיי מיר זיי זעהן נישט מיין נאמען בכלל, איך האב זיי געגעבן מיין נאמען ער זאל זעהן וואס דא גייט פאר און ער זאגט מיר אז ער גייט מיר לאזן וויסן, ביז דערוויל האב איך געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל יעצט נישט דארפןווארטן פאר די געז א לאנגע צייט, און שכח אייבערשטער אז א טאג נאכדעם זענען זיי דארט געווען און אנגעפילט מיין טאנק מיט געז - אן דעם וואס איך זאל בכלל האבן גערעדט צו זיי צו עפענען נאכאמאל אן אקאונט מיט זיי.

### אברהם יושע וועבערמאן

איין טאג האב איך זייער נישט גוט געפילט, איך האב נישט געקענט ארום גיין פון גרויס שוואכקייט, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל צוריק אנהייבן גוט פילן, און עס זאל נישט נעמען א לאנגע צייט צוריק צו קומען צו די כוחות, און שכח אייבערשטער די נעקסטע טאג אינדערפרי בין איך אויפגעשטאנען געזונט און פריש כאילו עס איז גארנישט געווען.

## מודעה

געלויבט דעם אייבערשטן אז עס איז שוין אנגעקומען די זומער סעזאן, און עס הייבט אן ארויסצוואקסן גראז ארום די הויז, און לויט דעם געזעץ דארף יעדער איינער שניידן זיין גראז, פרובירט מען יעצט אויסצוארבעטן צו האבן איינע פון אנשי שלומינו זאל שניידן די גראז פאר אלע איינוואוינער, ווער עס קען ארויסהעלפן מען זאל קענען עפענען די קאמפאני על צד היותר טוב זאל זיך מעלדן צו ארי לונגער נ"י

## נייעס אין שטעטל

**א שבת מיט דעם ראש ישיבה שליט"א**

פאראנגאנגענעם שבת העעל"ט האט מען געהאט די זכיה אז דער ראש ישיבה שליט"א האט געוויילט אין שטעטל אויף שבת, די וועטער האט גאר שיין מיטגעשפילט מיט'ן געהויבענעם שבת וואס מען האט געהאט.

עס איז געווען גאר שיינע דרשות במשך דעם שבת, אינדערפרי פאר'ן דאווענען, ווי אויך ביי די קידוש נאכ'ן דאווענען, און אזוי אויך ביי שלש סעודות.

מוצאי שבת האט דער ראש ישיבה פארגעלערנט דעם דף גמרא.

נאך דעם שיינעם שבת איז שווער געווען זיך צו געזעגענען, אבער דער גוטער טעם און די דרשות התחזקות וועט בלייבן אין זכרון פאר א לאנגע צייט.

**זומער אין שטעטל**

אנשי שלומינו קוקן שוין ארויס אויפן זומער סעזאן ווען מיטן אייבערשטנ'ס הילף וועט די ראש ישיבה מיט די בחורים וויילן במשך די זומער וואכן אין שטעטל, די הנהלת הישיבה זענען יעצט מסדר עס זאל זיין גענוג פלאץ פאר די בחורים ווי צו שלאפן במשך די זומער וואכן.

אזוי אויך גרייט מען זיך אויף אסאך געסט וואס וועלן קומען במשך די זומער וואכן אין שטעטל.

מיר בעטן פון אלע אנשי שלומינו ווער עס האט א בעיסמענט אדער א דירה צו פארדינגען פאר א משפחה פארן זומער זאל זיך מעלדן צי די הנהלה.

**שבועות אין שטעטל**

**לעצטע מינוט'יגע נייעס:** היות דער נייער בית המדרש איז נאך נישט פארטיג פאר יום טוב שבועות, איז אפגערופן געווארן דער פלאן אז דער ראש ישיבה שליט"א וועט זיין יום טוב שבועות אין שטעטל, אם ירצה השם בקרוב ווען דער בית המדרש וועט זיין גרייט וועט פארקומען א שיינעם חנוכת בית המדרש פאר אלע תלמידי הישיבה, ואתכם הסליחה.

**הנהלה ארבעט שווער פאר'ן שטעטל**

זונטאג מיטאג האבן זיך די חברי הנהלה צוזאמען מיט דעם ראש ישיבה שליט"א צאמגעזעצט פאר א מיטינג פאר לאנגע שעות דורכצוגיין גאר וויכטיגע פונקטן וואס איז נוגע דא אין שטעטל, מען איז דורך געגאנגען געוויסע פרטים בנוגע דעם קומענדיג'ן זומער הבעל"ט, אזוי אויך נאך פרטים.

# א בריוו פון דעם ראש ישיבה שליט"א

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ד אִיָּיר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט דַיינֶע טַעֲנוֹת.

וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז מִיר טוּעֶן אַלֶעס וָואס מִיר קֶענֶען אַז דִי וָואס וִוילְן קוּמֶען וואוֹינֶען אִין שְׁטֶעטְל זָאלְן זַיין צוּפְרִידְן; אִיךְ גֶעבּ אַוֶועק טֶעג אוּן נֶעכְט זִיצְנְדִיג מִיט דִי חַבְרֵי הַהַנְהָלָה נָאר לְטוֹבַת דִי אַיינְוואוֹינֶער.

עֶס לוֹינְט נִישְׁט צוּ קוּמֶען וואוֹינֶען אִין שְׁטֶעטְל אוֹיבּ עֶס קוּמְט אַרוֹיס פוּן דֶעם אַ פַּיינְטְשַׁאפְט צוּ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, עֶס לוֹינְט נִישְׁט צוּ קוֹיפְן אוּן בּוֹיעֶן אַ הוֹיז אַז מֶען וֶוערְט אָנְגֶעגֶעסְן וְכוּ׳, נִישְׁט פַאר דֶעם בּוֹי אִיךְ דֶעם שְׁטֶעטְל, נִישְׁט דָאס אִיז דִי מַטָּרָה; דִי מַטָּרָה אִיז אֵיין זַאךְ, מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען וֶועט לֶעבְּן אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן בְּשָׁלוֹם, **מֶען וֶועט לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן טוּן חֶסֶד.**

דִי אַלֶע לְשׁוֹנוֹת וִוי 'מַיין בְּלוּט אִיז רוֹיט', יֶענֶעמְס בְּלוּט אִיז רוֹיט, בְּלוֹי, וְכוּ׳, קוּמְט נִישְׁט דָא אַרַיין, קֵיינֶעמְס בְּלוּט אִיז נִישְׁט רוֹיטֶער אָדֶער שְׁוַוארְצֶער, אַלֶע זֶענֶען חָשׁוּב, אַלֶע זֶענֶען אֵיינִיג; דָאס וָואס מֶען בּוֹיט נָאכְנִישְׁט בַּיי דִיר אִיז דָא אַ סִיבָּה דֶערְצוּ, אַז דִי שְׁטָאט גֶעבְּט נִישְׁט יֶעצְט בִּזְמַן קָארָאנֶע קַיין רְשׁוּת צוּ בּוֹיעֶן, אוּן דִי אַנְדֶערֶע הָאבְּן שׁוֹין בַּאקוּמֶען פוּן פַארְדֶעם.

עֶס אִיז אַ שָׁאד זָאלְסְט זִיךְ אוֹיפְּעֶסְן אוּן טְרַאכְטְן אַז מֶען בַּא'עַוְולְה'ט דִיר וְכוּ׳; זָאלְסְט וִויסְן אַז דֶער אִינְגֶערְמַאן וָואס בּוֹיט דִי הַייזֶער אִין שְׁטֶעטְל אִיז מִיר זֵייעֶר גֶעטְרֵיי, עֶר הָאט מִיר זֵייעֶר גֶעהָאלְפְן אַלֶע יָארְן, פוּן אָנְהוֹיבּ, אָן קַיין אִינְטֶערֶעסֶע; עֶר הָאט גֶעבּוֹיט דִי יְשִׁיבָה אוּן אִיז אַרַיין אִין הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזְנְטֶער דָאלֶער חוֹבוֹת, קֵיינֶער הָאט מִיר נִישְׁט גֶעהָאלְפְן, נָאר עֶר.

אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ יֶעצְט אַ מַעֲשֶׂה וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אִין שְׁנַת תשע"א, בִּשְׁעַת מִיר הָאבְּן גֶעדַארְפְט עֶנְדִיגְן דֶעם בִּנְיַן הַיְשִׁיבָה הָאט מִיר דֶער אִינְגֶערְמַאן גֶעזָאגְט: "עַד כַּאן, אִיךְ קֶען מֶער נִישְׁט", עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט בְּלַייבְּן אַרְבֶּעטְן בְּחִנָּם מִיט אַ גַאנְצֶע קָאמְפֶּעְנִי אַרְבֶּעטֶערְס וְכוּ׳, בִּין אִיךְ גֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא"שׁ מִיט אִים, אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פַאר מוֹהֲרָא"שׁ אַז אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, עֶר וִויל אַנְטְלוֹיפְן; עֶר זָאגְט אַז עֶר גֵייט אַוֶועק, עֶר בְּלַייבְּט נִישְׁט אַרְבֶּעטְן. הָאט זִיךְ מוֹהֲרָא"שׁ אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּ אִים אוּן אִים גֶעזָאגְט: "אִיךְ קֶען דִיר נִישְׁט זָאגְן וָואס צוּ טוּן וֶוען דוּ וֵויינְסְט אַז מֶען צָאלְט נִישְׁט וְכוּ׳, **אָבֶּער אַז דוּ וֶועסְט בְּלַייבְּן הֶעלְפְן דִי יְשִׁיבָה וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ שֵׁיינֶע זַאכְן** וְכוּ׳". יֶעצְט הֶעלְפְט עֶר מִיר בּוֹיעֶן דִי שְׁטֶעטְל, עֶר הֶעלְפְט מִיר זֵייעֶר, עֶר אִיז מִיר בֶּאֱמֶת גֶעטְרֵיי. עֶר וִויל עֶנְדִיגְן דַיין דִירָה מֶער וִוי דוּ אַלֵיינְס ווִילְסְט דָאס עֶנְדִיגְן, עֶס אִיז נַארִישׁ צוּ טְרַאכְטְן אַז דֶעמְס בְּלוּט אִיז רוֹיטֶער, יֶענֶעמְס בְּלוּט אִיז רוֹיטֶער וְכוּ׳, וְכוּ׳.

דָאס וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ וֵויינְסְט אַ גַאנְצֶע נַאכְט וְכוּ׳, דָאס אִיז גוּט; הַלְוַואי זָאלְן אַלֶע זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם, זִיךְ צוּ מִתְבּוֹדֵד זַיין גַאנְצֶע נֶעכְט. דִי שְׁאֵלָה אִיז אוֹיף וָואס מֶען וֵויינְט; וֵוינֶען דַארְף מֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ תִּיקוּן הַמִּדּוֹת, מֶען זָאל לִיבּ הָאבְּן יֶעדְן אֵיינֶעם, מֶען זָאל נִישְׁט פַּיינְט הָאבְּן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, מֶען זָאל גֶעדֶענְקֶען וֶוער מֶען אִיז אוּן וָואס מֶען דַארְף אַלְץ פַארְרֶעכְטְן.

אַז דוּ פְרֶעגְסְט מִיר וָואלְט אִיךְ דִיר גֶעזָאגְט: "בּוֹי נִישְׁט, עֶנְדֶערְשׁ בְּלַייבּ וואוֹינֶען וואוּ דוּ וואוֹינְסְט וִוי אֵיידֶער עֶס זָאל אַרוֹיסְקוּמֶען פַּיינְטְשַׁאפְט".

גֶעבּ אִיבֶּער פַאר אַלֶע וָואס וִוילְן קוּמֶען וואוֹינֶען אִין שְׁטֶעטְל אַז עֶס אִיז אַ שָׁאד צוּ קוּמֶען וואוֹינֶען אִין דִי פָּאר מַייל אִין לִיבֶּערְטִי; דִי וֶועלְט אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס, עֶס אִיז דָא אַזוֹיפִיל פְּלֶעצֶער וואוּ צוּ קוֹיפְן אַ הוֹיז, פַארְוָואס זָאל מֶען זִיךְ אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן בִּיז לִיבֶּערְטִי? **אַז מֶען וִויל זַיין מִיטְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל מֶען הֶעלְפְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה;** עַל כָּל פָּנִים נִישְׁט אוּנְטֶערְבְּרֶענְגֶען.

אִיךְ וִויל מֶען זָאל בּוֹיעֶן דַוְקָא דוּרְךְ דִי הַנְהָלָה, אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט בֶּעסֶער אִיז דָאךְ דָא שֶׁענֶערֶע פְּלֶעצֶער וואוּ צוּ וואוֹינֶען. אִיךְ וִויל מֶען זָאל רֶעדְן שֵׁיין צוּ דִי חַבְרֵי הַהַנְהָלָה אוּן מֶען זָאל זֵיי מְחַזֵק זַיין; אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט בֶּעסֶער פַארְוָואס זִיךְ שְׁלֶעפְּן צוּ אַזַא פַארְשְׁלֶעפְּטֶע פְּלַאץ?

אַז מֶען הָאט אַ טַעֲנָה אוֹיף אֵיינֶעם קֶען מֶען דָאס דוּרְכְרֶעדְן.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵר זַיין, אִיךְ דַארְף לוֹיפְן צוּ דִי בָּחוּרִים.

~~~~~~~~~~~

גענוצטע פורניטשער און אפליינסעס
פאר האלב פרייז
רופט מרדכי אהרן היילפרין נ"י
845-701-9160

דירות צו דינגען פאר שבתים
רופט אשר בער אינדארסקי נ"י
347-997-2348

בית התבשיל
רופט שלמה יאקאבאוויטש נ"י
845-637-5367
~~~~~~~~~~~